# פרשת בשלח

## בס״ד. שיחת יום ד׳ פ׳ בשלח, יו״ד שבט, ה׳תשל״ה

**– עשרים וחמש שנים לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א –**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

יעדער מענטש איז ערוואַרטעט, אַז ער זאָל ווערן אַ מלך אויף זיינע ד׳ אמות, אין זיין הויז, אויף ניט רעכענען זיך ניט נתפעל ווערן פון די שטערונגען און מאַכן אַז די הויז זאָל זיין אַ משכן לו יתברך, ״ושכנתי בתוכם – בתוך כל אחד ואחת״.

און אָט די וואָס האָבן אַ שליחות און בהשגחה העליונה קענען זיי משפיע זיין ניט נאָר אין די **אייגענע** ד׳ אמות, נאָר **אַרום זיך**, אין אַ **גאַנצע שטאָט** – אָט דעמאָלט ווערט ער אַ נשיא ומלך אין דער גאַנצער שטאָט.

און דער וואָס קען משפיע זיין אין דער גאַנצער מדינה – ווערט ער אַ מלך ונשיא און האָט די שליחות אויף דער מדינה.

ביז וואַנענט, אַז ס׳איז דאָ דער ״חד בדרא״ ווי די גמרא זאָגט, אָדער ״תרי בדרא״, וואָס אָט דעמאָלט ״איפסק עמודא דנהורא בין דידי׳ לכולי עלמא״ – דערפאַר קען ער ליכטיק מאַכן די גאַנצע וועלט.

און אָט דאָ קומט די הויפּט שוועריקייט:

בשעת אַ מענטש איז בתחילתו איז ער דאָך אַ ״מלך״ מערניט ווי אויף זיך אַליין, אין זיינע ד׳ אמות. קיינער ווערט ניט געבאָרן גלייך אַ נשיא, אַ מלך, אַ מנהיג – דאָס ווערט ער בשעת ער וואַקסט אויס; אָט דאָס איז אָבער גלייך ווי ער ווערט בר-מצוה, האָט ער שוין די שליחות אויף זיין ״עיר קטנה זה הגוף״, זאָל ער ניט נתפעל ווערן פאַרן ״מלך זקן וכסיל״, נאָר ער זאָל ווערן דאָרט דער ״מושל ושולט״, און ווי געזאָגט פריער ״אתהפכא חשוכא לנהורא ומרירו למיתקו״ – ער זאָל ווערן דער ״מלך״ פון זיין גוף.

דערנאָך, אַז מ׳מאַכט אים פאַר אַ מלך אויף זיין גאַנצע משפחה, פאַר אַ נשיא אויף זיין משפחה – איז אָט דאָ קומט די שוועריקייט, ער זאָל זיך צוגעוואוינען אויף ניט מלחמה-האָבן פאַר די תועלת פון זיין גוף, אפילו ווען דאָס שעדיקט זיין משפחה, וואָרום ער איז געוואוינט געוואָרן זיין אַ מלך על גופו, נאָר ער דאַרף איצטער וויסן, אַז ער האָט אַ שליחות וואָס זי איז מער חשוב׳ער, אַז דער רבים, וואָס דאָס איז די משפחה, קומט פאַר דעם יחיד; ״יחיד ורבים הלכה כרבים״,

במילא איז בשעת ס׳איז דאָ אַ סתירה – דאַרף ער אויפגעבן דעם ענין פון דעם יחיד צוליב דעם תועלת הרבים. ובפרט נאָך ווי תורה איז דערנאָך מסביר, איז סוף-כל-סוף ווערט דאָס אויך אַ טובה פאַר דעם יחיד אַלס יחיד.

על דרך זה אויך, אַז דערנאָך, אַז ער ווערט אַ משפיע און אַ מנהיג אין אַ **גרעסערן** קרייז: ער איז דאָך געוואוינט געוואָרן פאַר דעם אָנפירן מיט אַן **ענגערע** קבוצה, און געוואוינט געוואָרן אויף מגין זיין ״משאו ומתנו באמונה״, אויף טאָן באמונה צוליב דער תועלת פון דער קבוצה;

אַז מ׳קלייבט אים אויס און מ׳מאַכט אים פאַר אַ מנהיג און אַ נשיא אויף אַ גרעסערן ענין, וואָס דאָס איז כולל אין זיך כמה וכמה קבוצות – אָט דעמאָלט האָט ער אַ ספּעציעלן נסיון, מ׳גיט אים אָבער כוחות אויף **איבערקומען** דעם נסיון, אויף ניט מלחמה האָבן פאַר דער קבוצה אַנטקעגן דער תועלת הרבים פון אַלע קבוצות, נאָר אדרבא, מסביר זיין זיך און אַרום זיך אַז ״יחיד ורבים״ איז ״הלכה כרבים״.



© 2004 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת בשלח

ועל דרך זה דרגא על גבי דרגא, ביז וואַנענט מ׳קומט צו דעם נשיא ומלך ש״אין עליו אלא הוי׳ אלקיו״, ווי די גמרא זאָגט אין הוריות, וואָס אָט דעמאָלט איז ביי אים דאַרף דאָך זיין דער עיקר ״איש אשר יצא לפניהם ואשר יבוא לפניהם״, אע״פ וואָס (דאָס איז) דערמיט איז פאַרבונדן, ניט ווי ער איז געוואוינט געוואָרן פאַר דעם, ווען עס איז געווען ״קטן אתה בעיניך״, און אָט דעמאָלט קומט דערפון אַרויס אויך דער תועלת פאַר כל אנשי המדינה.

און וויבאַלד אַז ״אפילו ריש גרגותא מן שמיא קא ממנו לי׳״, אַז מ׳קלייבט אים אויס מלמעלה – איז אָט דעמאָלט איז דאָך אַ זיכערע זאַך אַז מ׳גיט אים כוחות ער זאָל אָנפירן מיט אָט דער שליחות כדבעי.

וואָס דאָס האָט מען אויך געזעען אין בעל ההילולא, אַז אע״פ וואָס איידער ער איז געווען דער מנהיג חב״ד בפועל, איז אָט דעמאָלט איז דאָך געווען עיקר עיסקו וואָס ער האָט זיך פאַרנומען – מיט אַן **ענגערן** קרייז,

דערנאָך בשעת ער איז געוואָרן נשיא חב״ד **בפועל**, איז דאָך אָט דעמאָלט האָט ער זיך פאַרנומען בעיקר מיט דאָס וואָס איז נוגע **לכל** עניני חב״ד, אע״פ וואָס צוליב דערויף האָט ער געדאַרפט אויפגעבן פון זיין צייט לשלימות היחיד ולתועלת היחיד.

און דערנאָך, בשעת ס׳איז געקומען אַן ״עת צרה היא ליעקב״, און ער איז געוואָרן דורך השגחה העליונה דער **מנהיג ונשיא של כל ישראל** – האָט ער זיך פאַרנומען אויך מיט זען, אַז (מ׳זאָל מאַכן) ס׳זאָלן זיין געדרוקט אל״ף-בי״ת׳ן, און מ׳זאָל מאַכן חדרים, און מ׳זאָל לערנען דעם ״אל״ף-בי״ת״ פון אידישקייט – אע״פ וואָס צוליב דערויף האָט ער געדאַרפט אַראָפנעמען פון דער צייט וואָס ער האָט דאָס געקענט אָפּגעבן אויף הפצת פון חסידות און קבלה און רזין ורזין דרזין דאורייתא.

און ווי געזאָגט פריער, אַז ס׳דאַרף זיין ״זרעו בחיים״, אַז יעדערער האָט זיך די שליחות אַז ער זאָל זיין אַ מלך ונשיא אויף זיך אַליין, ניט רעכענענדיק זיך מיט דעם ״אל זר אשר בקרבך״, מיטן ״מלך זקן וכסיל״; אַז ס׳דאַרף זיין בשעת ער האָט חתונה אַ מלך ונשיא בביתו, אַז די הויז זאָל ווערן ״ושכנתי בתוכם״, יעדער אידישע הויז אַ בית-מקדש לו יתברך.

און אָט די וואָס השגחה העליונה האָט זיי געגעבן אַ נשיאות און אַ מינוי אויף כמה הייזער, אויף כמה קבוצות, אויף כמה שכונות, אויף כמה שטעט – דאַרפן זיי אויך וויסן דער **עיקר** תפקידם: זוכן די טובת הכלל, און דעמאָלט וועט זיכער סוף-כל-סוף אויך אין דערויף זיין דער טובת היחיד.



© 2004 Jewish Educational Media, Inc.